**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/21/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארברייטערטע אונטערנעמונגען צו אדרעסירן גאסן היימלאזיגקייט**

***ווי אויסגעמאלדן אין דער גאווערנער׳ס [סטעיט אָוו דע סטעיט](), וועט דער סטעיט ארויסשטעלן נייע ״אפגעהיטענע אויסוואל שטיצע״ (SOS) ארויסזוך מאנשאפטן — RFP היינט ארויסגעגעבן***

***אנגעהויבן קומענדע וואך, וועלן עקזיסטירנדע סטעיט-פינאנצירטע אויפפירונג-געזונטהייט פראפעסיאנעלן אריינגעשיקט ווערן צו דעם סאָבוועי סיסטעם צו העלפן אדרעסירן באלדיגע נויטבאדערפעניש***

***OMH וועט העכערן אינוועסטירונג אויף 21 מיליאן דאלער יערליך פאר 20 SOS מאנשאפטן אויסצופירן אוטריטש און סערוויס ליפערונג אויף ניו יארק סיטי גאסן און אין דער סאָבוועי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגעמאלדן פארברייטערטע אונטערנעמונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט און העלפן באזארגן אינטענסיווע ארויסזוך, באשעפטיגונג, און אויפפאסונג קאארדינאציע סערוויסעס אויף די גאסן און אין דער סאָבוועי פון ניו יארק סיטי, און אויסגעמאלדן דאס איינפירן פון א [פארלאנג פאר פארשלאגן (RFP)]() פאר נאן-פראפיט ארגאניזאציעס צו אפערירן ספעציעליזירטע [״זיכערע אויסוואל שטיצע״ מאנשאפטן]() צו באשטיין פון דירעקטע ארויסזוך ארבעטער ווי אויך קליניקער צו העלפן מער ניו יארקער אראפ פון די גאסן און אריין אין שוץ-ערטער און / אדער האָוזינג. די אונטערנעמונגען זענען אויסגעמאלדן געווארן פריער דעם חודש אום יאנואר 5 אלס טייל פון דער גאווערנער׳ס [סטעיט אָוו דע סטעיט פאשלאגן]() צו באקעמפן היימלאזיגקייט און פארברייטערן האָוזינג צוטריט פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, און אום יאנואר 6 האט גאווערנער האקול ארויסגעהויבן די אונטערנעמונגען און שטאט קאארדינאציע מיט ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס.

״דורך ארבעטן מיט אונזער צוזאמענארבעטער אין ניו יארק סיטי, נעמען מיר שריטן צו העלפן מאכן אונזערע גאסן און סאָבוועיס מער אפגעהיטן,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״צופיל ניו יארקער שלאפן אויף אונזערע גאסן און סאָבוועיס — זיי דארפן הילפס-מיטלען און שטיצע זיך צו קענען צוריקשטעלן אויף די פיס. דורך ארויסשטעלן ארויסזוך פראפעסיאנעלן צו געצילטע ערטער, וועלן מיר העלפן פארבעסערן אפגעהיטנקייט און פארזיכערן אז ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט האבן די שטיצע אין וואס זיי נויטיגן זיך.״

צו באזארגן באלדיגע און פארברייטערטע הילף פאר ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט און דעם סאָבוועי סיסטעם, וועט דער סטעיט שיקן אומגעפער 20 פובליק איינגעשטעלטע, קאנטראקטירטע נאָנפראָפיט באזארגער שטאב, און פרייוויליגע צוהעלפער אריין אין דעם סאָבוועי סיסטעם אינערהאלב איין וואך. די גרופע וועט אריינשליסן אויפפירונג-געזונטהייט פראפעסיאנעלן וואס וועט באהעפטן ניו יארקער וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט פאר קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס ווי אויך פאר שוץ-ערטער. דער סטעיט וועט נאענט קאארדינירן מיט ניו יארק סיטי און דער MTA וועט ארויסשטעלן די פראפעסיאנעלן

צו ערטער מיט די מערסט באלדיגע און דרינגענדע נויטבאדערפעניש און וועט כסדר אפשאצן צי די ארויסשטעלונגען דארפן מער צוגעפאסט ווערן ווענדנדיג אויף די געברויכן.

אין צוגאב, האט דער אפיס פון מענטאל-העלט היינט ארויסגעגעבן א RFP וואס לאדנט בארעכטיגטע נאן-פראפיט ארגאניזאציעס אריינצוגעבן אפליקאציעס צו שאפן און איינפירן גאווערנער האקול׳ס SOS מאנשאפטן, וואס וועט נישט נאר אויספירן דירעקטע איינס-אויף-איינס אוטריטש מיט ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט, נאר וועט אויך אריינגעמען אויפ׳ן-גאס און אין-סאָבוועי קליניקער, נורסעס, סאָושעל וואורקערס, און אויפפירונג-געזונטהייט ספעציאליסטן, כדי אז דער גאסן-צו-אנווייזונג געדראנג ווערט דורכגעבראכן, און אז אין אויספירליכע ריי הערכסט-נויטיגע קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס קען זאפארט צוגעשטעלט ווערן פאר באדערפטיגע ניו יארקער. אין סך הכל זוכט OMH ארויסצושטעלן ביז 20 SOS מאנשאפטן דעם יאר, אריינגערעכנט 4 מאנשאפטן אין ניו יארק סיטי ביז אנהייב פרילינג, נאך 8 מאנשאפטן אין ניו יארק סיטי ביז׳ן זומער, און די לעצטע 8 מאנשאפטן אין הויכע-נויט ראיאנען לענגאויס דעם סטעיט ביז׳ן ענדע יאר, אינוועסטירנדיג 11 מיליאן דאלער אין פינאנץ-יאר 2023 און העכערן אויף 21 מיליאן דאלער יערליך פאר צוקונפטיגע יארן.

די SOS מאנשאפטן וועלן ברייט פארברייטערן דעקונג און קאפאציטעט און וועלן ארבעטן נאענט מיט דעם ניו יארק סיטי דעפארטמענט פאר היימלאזע סערוויסעס צו פארזיכערן אז עס איז פאראן ברייטערע דעקונג פון די צוגעשטעלטע סערוויסעס. דורך אריינרעכענען קליניקער אויף די מאנשאפטן, וועלן אנווייזונגען פאר סערוויסעס ווערן גלאטיגער צוגעשטעלט. אין צוגאב, וועלן אנווייזונגען ווערן קאארדינירט דורך דער SOS אנווייזונג צענטער, אין צוזאמענארבעט מיט עטליכע שטאט און סטעיט אגענטורן, צו פארזיכערן געשווינדע באהעפטונג און אויסמיידן סיי וועלכע טאפלען פון סערוויסעס. אינדיווידועלע אנווייזונגען קענען געמאכט ווערן דורך פילצאליגע קערפערשאפטן, אריינגערעכנט — אבער נישט אויסשליסליך — ארויסזוך מאנשאפטן, שפיטעלער, פאמיליע און אויפפאסער, קאמיוניטי צושטעלער, פאליציי און דער MTA.

אויף כדי צו פארבעסערן צוזאמענארבעט און קאארדינאציע צווישן דער סטעיט און שטאט רעגירונג אינסטאנצן, האבן גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס אויסגעמאלדן אז די SOS מאנשאפטן וועלן ווערן פארגאנצעט דורך א גאנץ-שטאטישע טרענירונג צוזאמענארבעט וועלכס וועט אריינגעמען דער MTA, NYPD, דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פאר היימלאזע סערוויסעס, דער ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטאל-העלט, דער ניו יארק סטעיט אפיס פון עדיקשען שטיצע און סערוויסעס, דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, און אנדערע הויפט פאראינטערעסירטע פארטייען, וואס וועט פארזיכערן א צוזאמענגעארבעטע און גאנצע אפרוף צו דער היימלאזיגקייט קריזיס.

**OMH קאמיסיאנערין דר. ען סוליוואן האט געזאגט,** ״די SOS מאנשאפטן וועלן ניצן באוויז-באזירטע פראקטיצירונגען וועלכע זענען איבערצייגט צו העלפן די מענטשן וועלכע זענען מערסטע ריזיקירט און אפטמאל די שווערסטע צו זיי אנצוקומען. דורך ארבעטן נאענט מיט ניו יארק סיטי אגענטורן און באאמטע, וועלן מיר קענען בעסער אידענטיפיצירן די מענטשן וואס נויטיגן זיך די מערסטע אין אונזער הילף און זיי אראפנעמען פון די גאסן און אריין אין זיכערע האָוזינג.״

**MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט,** ״איצט אדרעסירן די געברויכן פון מענטשן וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט און מענטאל-העלט פראבלעמען אין אונזער סיסטעם איז איבערהויפט דרינגענד פאר זיי — און אין גלייכן וויכטיג פאר אונזערע פארער. מיר נעמען אויף מיט צופרידנהייט דער גאווערנער׳ס געשווינדע שריטן צו העלפן אטאקירן דער כראנישע פראבלעם וואס די שטאט שטייט אויס.״

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״היימלאזיגקייט איז א גאנץ-לאנדיגע ארויספאדערונג וואס פארלאנגט אן אפרוף פון אלע איינגעשטעלטע אינאיינעם וואס קען נאר דערגרייכט ווערן דורך צוזאמענארבעט איבער אלע שטאפלען פון רעגירונגשאפט. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר דער נייער אונטערנעמונג האט פאקוסירט אויף דערגרייכן און שטיצן ניו יארקער מיט-בירגער וואס מאכן מיט אומבאשיצטע היימלאזיגקייט, און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו בויען אויף אונזער צוזאמענארבעט צו אידענטיפיצירן נייע און מיטגעפילנדע וועגן אין וועלכן מען קען העלפן געוויסע פון אונזער שטאט׳ס מערסט באדערפטיגע איינוואוינער זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס.״

גאווערנער האקול האט געמאכט דאס אנטוויקלען א גרונטליכע אויפפירונג-געזונטהייט קריזיס סיסטעם אין ניו יארק סטעיט איינע פון איר אדמיניסטראציע׳ס הויפט פריאריטעטן, מיט א ספעציפישע פאקוס אויף אדרעסירן די קאמפליצירטע נויטבאדערפענישן פון ניו יארק׳ס גאסן היימלאזע באפעלקערונג.

אין צוגאב צו זיכערע איסוואל שטיצע מאנשאפטן, טוט דער גרונטליכער סיסטעם אריינגערעכנט נייע קריזיס סטאביליזירונג צענטערס, קריזיס איינוואוינער פראגראמען, צוגעגעבענע מאביל קריזיס מאנשאפטן, א 988 קריזיס האטליין, פארבעסערטע קאארדינירונג צווישן געזעץ אינפארסירונג און גרונטליכע פסיכיאטארישע עמערדזשענסי פראגראמען, און אנדערע אינטענסיווע סערוויסעס פאר ערוואקסענע, קינדער און פאמיליעס וואס מאכן מיט א אויפפירונג-געזונטהייט קריזיס. אין צוגאב, האט דער גאווערנער פארגעשלאגן א פארלענגערונג און פארברייטערונג פון קענדרע׳ס געזעץ, וואס וועט פארשטערקערן דער סטעיט און שטאט׳ס אפרוף צו יחידים מיט ערנסטע גייסטישע קרענק וועלכע האבן געשיכטעס פון געוואלדפארברעכערישע אויפפירעכץ צו זיך אליין אדער אנדערע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן